**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול האלט פאר די ערשטע-אין-היסטאריע סאמיט געווידמעט ארויסצוהעלפן נאך הויך-שולע סטודענטן צו אויספולן זייער פינאנציעלע הילף בויגנס

***SUNY, CUNY, CICU, NYSED, HESC רעדן אדורך וועגן פאר סטודענטן צו אויספולן זייער פארגרינגערטע FAFSA אפליקאציע***

***ניו יארקער סטודענטן אין די 2022 גראדואירנדע קלאס האבן איבערגעלאזט 200$ מיליאן פון פעדעראלע פינאנציעלע הילף צוליב די נידריגע ראטע פון די וועלכע האבן אויסגעפולט די FAFSA***

***סאמיט קומט פאר אינעם זעלבן צייט פון קאלעדזש אפליקאציע מאנאט און אומזיסטע אפליקאציע וואכן ביי SUNY, CUNY, און 46 זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן***

גאווערנער האקול האט היינט צאמגענומען די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), די קאמיסיע איף זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן (Commission on Independent Colleges and Universities, CICU), די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט (New York State Education Department), און די העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע (Higher Education Services Corporation) פאר די ערשטע-אין-היסטאריע FAFAS אויספולונג פלאן סאמיט. די סאמיט, וועלכע איז פארגעקומען אין אלבאני, האט צוזאמגעברענגט וויכטיגע סטעיק-האלטער, אריינרעכנענדיג הויך-שולע גיידענס קאונסעלארס, צו ארומרעדן ענדערונגען וואס זאלן געמאכט ווערן צו די פעדעראלע הילף אפליקאציע, און פלאנירן וועגן צו העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA (אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף) אין ניו יארק סטעיט, וועלכע דרייט זיך ארום 50 פערצענט.

"צוטריט צו העכערע עדיוקעישאן קען טוישן די גאנג פון איינעם'ס לעבן, און עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער סטודענטן צו האבן די געלעגנהייט צו באקומען די פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן צו ערגרייכן זייער דעגרי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו פארהאלטן די ערשטע-אין-היסטאריע סאמיט אז מיר זאלן קענען אויפקומען מיט לייזונגען צו העלפן צוקונפטיגע סטודענטן בעסער פארשטיין די בענעפיטן וואס זענען אוועילעבל פאר זיי און העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA. איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען אינוועסטירן אין זייער עדיוקעישאן."

אונטער די FAFSA פארגרינגערונג געזעץ, די FAFSA 2024-2025 אפליקאציע איז ערווארטעט ארויסצוקומען אין דעצעמבער 2023 מיט ענדערונגען עס צו מאכן גרינגער זיך צו איינגעבן פאר פעדעראלע הילף, ספעציעל פאר סטודענטן פון נידריגע-איינקונפט פאמיליעס. לעצטנס, האט SUNY אנגעהויבן די SUNY FAFSA פארענדיגונג קאמפּס צו העלפן סטודענטן אויספולן די נייע פעדעראלע

אפליקאציע פאר קאלעדזש פינאנציעלע הילף. SUNY האט באקומען כמעט $300,000 פון AmeriCorps צו אנהויבן די אינציאטיוו. CUNY האט אנגעהויבן א נייע וועב וועגווייזער פאר FAFSA צו פארשפרייטן די אינפארמאציע וואס איז גרינג אוועילעבל פאר סטודענטן און אנגעהויבן א #FileFAFSAEarly (געבט אריין FAFSA פריער) סאושעל מידיע קאמפיין צו פארשפרייטן וויסנשאפט איבער די בענעפיטן פון אריינגעבן FAFSA וואס פריער און צו מוטיגן סטודענטן אזוי צו טון.

לויט אן אנאליז דורך די נאציאנאלע קאלעדזש ערהאלטונג נעטווארק, האבן הויך-שולע גראדואירטע פון די קלאס פון 2022 איבערגעלאזט $3.6 ביליאן פון Pell גרענטס מיט'ן נישט אויספולן די FAFSA. בלויז אין ניו יארק סטעיט, האט די קלאס פון 2022 איבערגעלאזט $200 מיליאן פון פעדעראלע הילף מיט'ן נישט אויספולן די FAFSA. שטודיעס האבן געוויזן אז סטודענטן וועלכע האבן אויסגעפולט די FAFSA זענען מער ווארשיינליך ווייטער געגאנגען צו קאלעדזש. אומגעפער 90 פערצענט פון הויך-שולע סיניארס וועלכע פולן אויס די FAFSA גייען צו קאלעדזש גלייך נאכ'ן גראדואירן, אין פארגלייך צו בלויז 55 פערצענט פון גראדואירנדע סיניארס וועלכע פולן נישט אויס די אפליקאציע.

סאמיט אנטיילנעמער האבן געלערנט איבער גוטע פראקטיקן פון ניו יארק סטעיט הויך-שולעס, ווי אויך פון פיר פון די ניין סטעיטס וועלכע האבן איינגעפירט אייניגע FAFSA באדינגונגען פאר אלע הויך-שולע סטודענטן און האבן אלץ רעזולטאט באדייטנד געהעכערט די ראטעס פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA.

**SUNY טשאנסעלאר דזשאן בי. קינג האט געזאגט,** "א קאלעדזש עדיוקעישאן איז א בילעט צו ווייטער שטייגן און זיך רוקן פאראויס; אבער, אסאך טויגליכע סטודענטן געבן זיך קיינמאל נישט איין און גייען נישט אין קאלעדזש צוליב זייער פינאנציעלע צושטאנד. אין 2022, האבן מער פון 80,000 גראדואירנדע סיניארס אין ניו יארק סטעיט נישט אויסגעפולט די FAFSA אפליקאציע - איבערלאזנדיג $200 מיליאן פון פעדעראלע פינאנציעלע הילף אויפ'ן טיש. דורך ארבעטן מיט אונזער K-12 און העכערע עדיוקעישאן מיטארבעטער איבער די סטעיט, קענען מיר העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA און ווייזן פאר סטודענטן אז א קאלעדזש עדיוקעישאן, ספעציעל ביי SUNY, איז צוגענגליך און מעגליך צו ערגרייכן דורך סטעיט און פעדעראלע הילף. איך באדאנק אונזערע מיטארבעטער לענגאויס אונזער סטעיט פאר זיך איינשליסן מיט SUNY צו העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער סטודענטן באקומען די פינאנציעלע הילף וואס זיי דארפן זיך צו באטייליגן און מצליח זיין אין קאלעדזש."

**CUNY טשאנסעלאר פעליקס ווי. מאטאוס ראדריגעז האט געזאגט,** "באקומען מער סטודענטן צו אויספולן די פינאנציעלע הילף בויגנס וועט מאכן קאלעדזש מער צוגענגליך פאר פיל פון זיי און אין אסאך פעלער, בכלל מעגליך. דאס איז די סיבה פארוואס עס איז קריטיש וויכטיג צו טרעפן נייע וועגן צו שטארקן פינאנציעלע הילף אפליקאציע ראטעס. די סאמיט היינט האט צוגעשטעלט א נייע געלעגנהייט צו אידענטיפיצירן די פראקטיקן וועלכע האבן געמוטיגט מער מעגליכע קאלעדזש סטודענטן זיך איינצוגעבן פאר פינאנציעלע הילף אין ניו יארק און איבער די לאנד."

**קאמיסיע אויף זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן פרעזידענט לאלע וו. בראבהאם האט געזאגט,** "די אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף איז א וויכטיגע מיטל צו העלפן סטודענטן און זייערע פאמיליעס עפענען פינאנציעלע הילף צו מאכן פון זייער קאלעדזש חלום א ווירקליכקייט. יעדע יאר אין ניו יארק, בלייבט איבער מער פון $200 מיליאן פון Pell גרענט געלטער וויבאלד בארעכטיגטע סטודענטן פולן נישט אויס זייער FAFSA. די אויספולונג פלאן סאמיט היינט איז גאר וויכטיג אויף צו פארזיכערן אז סטודענטן און פאמיליעס באקומען די סטעיט הילף וואס זיי זענען בארעכטיגט פאר."

**באורד פון רידזשענטס טשאנסעלאר לעסטער וו. יאנג, Jr האט געזאגט,** "א סטודענט'ס פינאנציעלע הונטערגרונד זאל נישט באגרעניצן זייער צוטריט צו העכערע עדיוקעישאן. די FAFSA פראגראם פארמאכט די לאך צווישן סטודענט'ס שאיפות און פינאנציעלע הילפסמיטלען. ליידער, פארפאסן אסאך סטודענטן די געלעגנהייטן וויבאלד זיי ווייסן נישט דערפון אדער זיי גלייבן אז זיי זענען נישט בארעכטיגט דערפאר. מיר מוזן ארבעטן צוזאמען צו העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA אפליקאציעס איבער די סטעיט און פארזיכערן אז יעדע סטודענט וואס וויל גיין צו קאלעדזש זאל האבן צוטריט צו יעדע דאלער פון פינאנציעלע הילף וואס זיי זענען בארעכטיגט פאר. עס איז צייט אז מיר זאלן ארבעטן צוזאמען צו העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA אפליקאציעס, מאכנדיג העכערע עדיוקעישאן מער עררייכבאר פאר אלע."

**סטעיט סענאטאר קאמישאנערין בעטי א. ראסע האט געזאגט,** "די FAFSA בויגן איז די שליסל וואס שפארט אויף די טיר צו העכערע עדיוקעישאן פאר אזויפיל ניו יארקער. צופיל סטודענטן פאלן צווישן די שפאלטן און פולן נישט אויס די FAFSA בויגן, דאס מיינט אז זיי ווייסן נישט פון די פארשידענע פינאנציעלע הילף פראגראמען וועלכע קענען זיין גוט פאר זיי צו העלפן פארווירקליכן זייערע עדיוקעישאן צילן. באדייטפולע מיטארבעט איז גאר וויכטיג אויף צו העכערן די ראטע פון די וועלכע פולן אויס די FAFSA אין אונזער סטעיט, און מיט גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און דורך ארבעטן מיט אונזער מיטארבעטנדע אגענטורן, קענען מיר מאכן באדייטנדע פארשריט אין ריכטונג צו בעסער ארויסהעלפן סטודענטן מיט די פראצעדור."

**העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע פרעזידענט דר. גילערמא לינארעס האט געזאגט,** "די FAFSA אפליקאציע פראצעדור איז גאר וויכטיג צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט האט צוטריט צו פעדעראלע און ניו יארק סטעיט פינאנציעלע הילף געלעגנהייטן. די FAFSA סאמיט היינט האט צוגעשטעלט אן אפענע פארום פאר די וועלכע מאכן פאליסיס, לערערס, פובליק ארבעטער און אדוואקאטן זיך צאמצונעמען און מיטטיילן די בעסטע פראקטיקן און אנטדעקן פארגעשריטענע לייזונגען צו העלפן העכערן די צאל סטודענטן וועלכע פולן אויס די FAFSA. דורך ארבעטן צוזאמען, קענען מיר פארזיכערן אז יעדע בארעכטיגטע סטודענט באקומט צוטריט צו די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן צו מצליח זיין."

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאדן אז SUNY, CUNY, און 46 פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין ניו יארק סטעיט וועלן געבן אומזיסטע אפליקאציע געלעגנהייטן פאר הויך-שולע סיניארס דורכאויס די מאנאט פון אקטאבער. דאס איז די ערשטע מאל וואס SUNY, CUNY און ניו יארק'ס פריוואטע אנשטאלטן האבן זיך צאמגענומען צו אראפנעמען אפליקאציע אפצאלן פון סטודענטן וואס געבן זיך איין דורכאויס ניו יארק סטעיט קאלעדזש אפליקאציע מאנאט. אפליקאנטן קענען זיך איינגעבן אין ביז פינף SUNY שולעס פריי פון אפצאל, א געווינס פון $250.

די פולע ליסטע פון אנטיילנעמנדע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אינפארמאציע איבער ווען די באצאלונגען וועלן נישט דארפן באצאלט ווערן און איבער וויאזוי צו אפלייען פאר יעדע מוסד קען געפונען ווערן [דא](#).

HESC, SUNY און CUNY האבן געסקעדזשולט געשעענישן אויף די אינטערנעט און פנים אל פנים דורכאויס דעם חודש צו מוטיגן סטודענטן צו געוואויר ווערן איבער די ניו יארק סטעיט פינאנציעלע הילף, לאזן וויסן פאר סטודענטן זייערע קאלעדזש אפציעס און זיי ארויסהעלפן מיטן אויספילן זייערע אפליקאציעס. פאר א ליסטע פון מער פון 70 פינאנציעלע הילף געשעענישן אפגעהאלטן דורך HESC, דרוקט [דא](#).

SUNY סעסיעס קענען געפונען ווערן דא, און א ליסטע פון מער פון 100 געשעעניש אפגעהאלטן דורך CUNY קענען געפונען ווערן דא.

די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אפליקאציע מאנאט איניציאטיוו מוטיגט הויך-שולע סיניארס זיך איינצוגעבן פאר קאלעדזש וואס פריער, מיט א דגש אויף קינדער פון פאמיליעס מיט נידריגערע איינקונפט, סטודענטן וועלכע וועלן זיין די ערשטע דור פון זייער פאמיליע צו לערנען אין קאלעדזש, און סטודענטן וועלכע וואלטן אנדערשוווייז זיך מעגליך נישט איינגעגעבן פאר קאלעדזש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418